# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ____________________

טעלפון ____________________

שטאט ____________________

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעפטע מעשה (8) - פון דער בעל תפלה

**א. ווער האט מורא געהאט פון וועם?**
- ❑ דער בעל תפלה פון די מענטשן וואס האבן געדאווענט
- ❑ די מענטשן וואס האבן געדאווענט פון דעם בעל תפלה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט דער בעל תפלה געוויזן פאר די מענטשן?**
- ❑ מורא'דיגע מופתים
- ❑ די סדר פון זיינע תפלות
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וואס האבן זיי געטון ווען זיי האבן געהערט זיינע רייד?**
- ❑ זיי האבן נישט מקבל געווען זיין וועג
- ❑ זיי האבן אים באדאנקט און זיי זענען געגאנגען ווייטער זייער וועג
- ❑ זיי האבן אים געמאכט מלך איבער זיי

**ד. וואס האט דער בעל תפלה געמאכט פון זיי ?**
- ❑ עהרליכע אידן
- ❑ צדיקים
- ❑ זייער גרויסע צדיקים גמורים

**ה. וואס האבן די מדינה של עשירות געטון ווען ס'איז געקומען נענטער די צייט וואס דער גבור האט זיי געגעבן?**
- ❑ זיי האבן זיך מכניע געווען אונטער דעם גבור
- ❑ זיי האבן געבעטן דער בעל תפלה זאל דאווענען פאר זיי
- ❑ זיי האבן מקריב געווען און געדאווענט צו זייערע גאטין

**ו. צו ווען האבן זיי געשיקט שלוחים?**
- ❑ צום גבור אז ער זאל זיי גיבן נאך צייט
- ❑ צו די מדינה וואס אלע זענען גאטין (לויט זייער דעה)
- ❑ צו דעם בעל תפלה אז ער זאל רעדן מיט'ן גבור

**ז. וועם האבן די שליחים געטראפן אינמיטן וועג?**
- ❑ מענטשן פון די מדינה וואס דארטן זענען אלע גאטין (לויט זייער דעה)
- ❑ דעם גבור מיט דעם בעל תפלה
- ❑ א מענטש וואס זיין שטעקן איז ווערד מער פון זייער גאנצע עשירות

**ח. וואס האט דער מענטש געוויזן פאר די שלוחים?**
- ❑ די וועג צו די מדינה וואו זיי ווילן אנקומען
- ❑ די בארג וואס אויף דעם איז מסודר די אוצרות פון מלך
- ❑ די וועג צום שווערד פונעם גבור

**ט. האבן די שליחים מקריב געווען צו דעם מענטש?**
- ❑ זיכער
- ❑ ניין
- ❑ נאר איין קרבן

**י. וואס האבן זיי געבעטן פון דעם מענטש?**
- ❑ אז ער זאל רעדן מיט'ן גבור אז ער זאל נאךווארטן
- ❑ אז ער זאל זיי ווייזן די וועג צו תשובה
- ❑ אז ער זאל גיין מיט זיי צו זייער מדינה

**יא. פארוואס האבן זיך די מדינה של עשירות זייער געפיידט?**
- ❑ ווייל דער גבור האט פארלענגערט די צייט
- ❑ ווייל זיי האבן געטראפן אזא גאט (לויט זייער דעה)
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. וואס האט דער מענטש געהייסן אויף דערוויל?**
- ❑ מ'זאל אוועק ווארפן די געלד
- ❑ מ'זאל זיך מכניע זיין צום גבור
- ❑ מ'זאל נישט מקריב זיין קרבנות

**יג. וואס האט ער געענטפערט וועגן דעם גבור?**
- ❑ אז ער איז בכלל נישט א גבור
- ❑ אויב עס איז נישט דער גבור
- ❑ איך קען אים זיכער

**יד. וואס איז געווען ווען ער האט זיך געטראפן מיט דעם גבור?**
- ❑ גרויסע שמחות
- ❑ געוויין
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. אויף וועלכע פלעצער איז דער ממונה נישט אריבער?**
- ❑ דעם בעל תפלה און דעם גבור
- ❑ דעם מלך און די מלכה
- ❑ דעם חכם און דעם מליץ

**טז. וואס לערנסטו זיך פון די מעשה אויף דערוויל?**
- ❑ *אז דער בעל תפלה מאכט פון זיינע מענטשן צדיקים ____________________.*
- ❑ *אז ווען די לייט פון ____ טרעפן זיך ווערט א גרויסע שמחה*
- ❑ ____________________

# מיט אסאך הצלחה!!!

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת – מַעֲשֶׂה יב – דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' – דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א

(אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט דוּרְךְ "מְכוֹן שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת", לוֹיטְן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ – אָן צוּ פַאְרֶענְדֶערְן דֶעם רֶבִּינ'ס לָשׁוֹן / גֶעוָוארְן פּוּנְקְטְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעקוּקְט פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דְרוּק פוּן רַבִּי נָתָן זיע"א שְׁנַת תקע"ו, אוּן פוּנֶעם צְוֵויטְן דְרוּק פוּן זַיין תַּלְמִיד רַבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין ז"ל שְׁנַת תר"י / דִי אַיינְגֶערִינְגֶעלְטֶע וֶוערְטֶער () זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּן רַבִּי נָתָן זיע"א / דִי אַיינְגֶעקֶעסְטְלְטֶע וֶוערְטֶער [] זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּנֶעם 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת' בִּלְשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ וָואס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין אִידִישְׁ'ן חֵלֶק, אָדֶער אֵייגֶענֶע עֶרְקְלֶערוּנְגֶען)

## – הֶמְשֵׁךְ פֶּרֶק ט –
## דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' טְרֶעפְט זִיךְ מִיטְן 'גִּבּוֹר'

**[אוֹת ה]** דֶערְנָאךְ, אִיז זִיךְ דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אִין זַיין 'וֶועג' אַרַיין! – וִוי דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' אִיז אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען – הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן: "אַז סְ'גֵייעְן מֶענְטְשְׁן, אוּן בֶּעטְן [פוּן] 'גָאט' בָּרוּךְ־הוּא, אוּן זֶענֶען מִתְפַּלֵּל! – אוּן זֵיי טְרָאגְן 'סְפָרִים' פוּן 'תְּפִילּוֹת'!

הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁרָאקְן פַאר [פוּן] זֵיי! – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ פַאר [פוּן] אִים אוֹיךְ דֶערְשְׁרָאקְן! – הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מִתְפַּלֵּל זַיין! – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מִתְפַּלֵּל זַיין!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וֶוער זֶענְט אִיר"?! – הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] דֶער 'רוּחַ־סְעָרָה' [שְׁטוּרֶעם־ווִינְט] אִיז גֶעוֶוען, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – הָאט [הָאבְּן] זִיךְ דֶעמָאלְט דִי [מֶענְטְשְׁן פוּן דִי] וֶועלְט, צוּטֵיילְט אוֹיף 'כַּמָּה כִּיתּוֹת' [אַסַאךְ גְרוּפֶּעס]! – 'דִי' [כִּיתָּה] הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן 'דָאס' [זִיךְ צוּ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט זֵייעֶר זַאךְ], אוּן 'דִי' [כִּיתָּה] הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן 'דָאס'" [זִיךְ צוּ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ], (אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דִי אַלֶע 'כִּיתּוֹת')"! – 'דֶעמָאלְט' הָאבְּן מִיר זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן: אַז דֶער 'עִיקָּר תַּכְלִית', אִיז נָאר עוֹסֵק צוּ זַיין תָּמִיד, אִין 'תְּפִילָּה' צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'! – הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעזוּכְט! – אוּן מִיר הָאבְּן גֶעפוּנֶען אַ 'בַּעַל־תְּפִילָּה'! – אוּן מִיר הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ 'מֶלֶךְ'"!

וִוי דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' הָאט דָאס דֶערְהֶערְט – אִיז דָאס אִים זֵייעֶר וואוֹיל־גֶעפֶעלְן! – וָוארְן 'דָאס' ווִיל עֶר זִיךְ! – הָאט עֶר מִיט זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן! – אוּן הָאט זֵיי גֶעוִויזְן [מְגַלֶּה גֶעוֶוען]: דֶעם 'סֵדֶר' פוּן זַיינֶע 'תְּפִילּוֹת', אוּן זַיינֶע 'סְפָרִים' אוּן 'זַיינֶע זַאכְן' וָואס עֶר הָאט [פַארְפַאסְט] אוֹיף 'תְּפִילּוֹת'!

וִוי זֵיי הָאבְּן דֶערְהֶערְט זַיינֶע רֵייד – הָאבְּן זִיךְ זֵיי, דִי 'אוֹיגְן' גֶעעֶפְנְט! – אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] 'בַּעַל־תְּפִילָּה'! – הָאבְּן זֵיי אִים תֵּיכֶף גֶעמַאכְט פַאר אַ 'מֶלֶךְ' אִיבֶּער זִיךְ! – וָוארְן זֵייעֶר 'מֶלֶךְ', הָאט אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען דִי 'מְלוּכָה'! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר אִיז 'זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מַאן'"!

הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה' מִיט זֵיי גֶעלֶערְנְט! – אוּן הָאט זֵיי גֶעעֶפְנְט [לִיכְטִיג גֶעמַאכְט] דִי אוֹיגְן! – אוּן הָאט זֵיי גֶעוִויזְן, ווִיאַזוֹי 'תְּפִילָּה' צוּ טָאן צוּ 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ'! – אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט, פַאר 'זֵייעֶר־גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים גְּמוּרִים'! – וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ פְרִיעֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען 'צַדִּיקִים' – וָוארְן זֵיי הָאבְּן זִיךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען נָאר אִין 'תְּפִילָּה'! – לוּשְׁמִיר [נָאר] דֶער [דָאזִיגֶער] 'בַּעַל־תְּפִילָּה', הָאט זֵיי גֶעעֶפְנְט [לִיכְטִיג גֶעמַאכְט] דִי אוֹיגְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן 'זֵייעֶר־גְרוֹיסֶע [פָארְכְטִיגֶע] צַדִּיקִים'!

הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָּה גֶעשִׁיקְט אַ 'בְּרִיוו' צוּם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] 'גִּבּוֹר', אוּן הָאט אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען: "אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, אוּן הָאט גֶעפוּנֶען 'אַזוֹינֶע מֶענְטְשְׁן' וִוי עֶר ווִיל! – אוּן [אַז עֶר] אִיז גֶעוָוארְן 'מֶלֶךְ' אִיבֶּער זֵיי"!

## פֶּרֶק י – דִי 'מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת'
## טְרֶעפְן אָן דֶעם 'מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת'

**[אוֹת א]** אוּן 'דִי' [מֶענְטְשְׁן פוּן דִי] מְדִינָה' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – (דְהַיְינוּ: דִי 'מְדִינָה פוּן גֶעלְט', וָואס בַּיי זֵיי אִיז דָאס 'גֶעלְט' דֶער עִיקָּר גֶעוֶוען וְכוּ', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין זֵייעֶרֶע זַאכְן, אוּן אִין זֵייעֶרֶע 'עֲבוֹדוֹת' (דְהַיְינוּ: וָואס זֵיי פְלֶעגְן טוּהְן 'ווִילְדֶע [מָאדְנֶע] זַאכְן', אוּן הָאבְּן מַקְרִיב גֶעוֶוען 'קָרְבָּנוֹת' צוּ זֵייעֶרֶע 'גָאטְן', דְהַיְינוּ: צוּ דִי וָואס הָאבְּן גֶעהַאט 'פִיל גֶעלְט', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

אוּן דִי 'צַייט' וָואס דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] 'גִּבּוֹר' הָאט זֵיי 'נָאךְ' גֶעגֶעבְּן [צוּגֶעגֶעבְּן; פַארְלֶענְגֶערְט] – הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאלְד אוֹיסְצוּגֵיין [עֶנְדִיגְן] דִי 'צַייט'! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁרָאקְן! – אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטָאן זֵייעֶרֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'עֲבוֹדוֹת'! אוּן [זֵיי] הָאבְּן מַקְרִיב גֶעוֶוען 'קָרְבָּנוֹת' אוּן 'קְטוֹרֶת'! אוּן [זֵיי] הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין זֵייעֶרֶע 'תְּפִילּוֹת', וָואס זֵיי פְלֶעגְן מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין צוּ זֵייעֶרֶע [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] 'גָאטְן'! – זֵיי הָאבְּן גֶעכַאפְּט אַ 'חַיֶה'לֶע', דְהַיְינוּ: אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט 'וֵוייניג גֶעלְט'! – אוּן הָאבְּן אִים מַקְרִיב גֶעוֶוען פַאר אַ 'קָרְבָּן', צוּ זֵייעֶרֶע 'גָאטְן'!

אוּן סְ'אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבְּן דִי 'דֵיעָה' [אָפְּגֶעמַאכְט צְוִוישְׁן זִיךְ דִי מֵיינוּנְג]: "אַז זֵיי מוּזְן טוּהְן דִי 'עֶרְשְׁטֶע עֵצָה' וָואס מְ'הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט פֶּרֶק ד אוֹת ג]: אַז זֵיי זָאלְן שִׁיקְן צוּ 'דֶער מְדִינָה' וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט אַלֶע [מֶענְטְשְׁן פוּן יֶענֶע מְדִינָה] 'גָאטְן', וָוארְן זֵיי הָאבְּן דָארְט 'זֵייעֶר־ווִילְד־גְרוֹיס עֲשִׁירוּת' – (וָואס נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר 'דֵיעָה' [מֵיינוּנְג] נָאךְ, זֶענֶען זֵיי אַלֶע 'גָאטְן' וְכוּ', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])"! – אוּן דִי '[דָאזִיגֶע] מְדִינָה', וֶועט [וֶועלְן] זֵיי בְּוַודַּאי הֶעלְפְן – וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע 'גָאטְן', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גֶעטָאן! אוּן הָאבְּן גֶעשִׁיקְט 'שְׁלוּחִים', אַהִין צוּ דֶער 'מְדִינָה' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

**[אוֹת ב]** דֶערְוַוייל! אִין [אִיז אִינְמִיטְן] 'וֶועג' – וִוי דִי 'שְׁלוּחִים' זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען – זֶענֶען זֵיי פַארְבְּלָאנְדְזֶעט גֶעוָוארְן! – הָאבְּן זֵיי דֶערְזֶעהְן [אָנְגֶעטְרָאפְן] אַ מֶענְטְשׁ, וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ 'שְׁטֶעקְן'! – וָואס זַיין 'שְׁטֶעקְן', הָאט אָנְגֶעטְרָאפְן [בַּאטְרָאפְן סַאךְ מֶער גֶעלְט], מֶער פוּן 'אַלֶע זֵייעֶרֶע גָאטְן'!

דְהַיְינוּ: [אַז] דֶער 'שְׁטֶעקְן' זַיינֶער, אִיז גֶעוֶוען גֶעזֶעצְט [אַרַיינְגֶעזֶעצְט], מִיט 'זֵייעֶר־טַייעֶרֶע דוּמִיטְן' [דִימַאנְטְן שְׁטֵיינֶער]! – וָואס דֶער [דָאזִיגֶער] 'שְׁטֶעקְן', אִיז וֶוערְט גֶעוֶוען מֶער, אֵיידֶער [וִוי] דָאס [גַאנְצֶע] 'עֲשִׁירוּת' פוּן 'זֵייעֶרֶע אַלֶע גָאטְן' [צוּזַאמֶען]! – [דְהַיְינוּ: אַז אוֹיבּ] מְ'זָאל צוּם־אוֹיפְנֶעמֶען [צוּנוֹיפְנֶעמֶען] גָאר דָאס [גַאנְצֶע] 'עֲשִׁירוּת' פוּן 'זֵייעֶרֶע גָאטְן', אוּן אֲפִילוּ [אוֹיךְ צוּנוֹיפְנֶעמֶען דָאס 'עֲשִׁירוּת'] פוּן דִי 'גָאטְן' פוּן 'יֶענֶער מְדִינָה' וָואס זֵיי גֵייעֶן צוּ זֵיי – אִיז דֶער [דָאזִיגֶער] 'שְׁטֶעקְן', מֶער וֶוערְט גֶעוֶוען פוּן זֵייעֶרֶע 'אַלֶע [אַלֶעמֶען צוּזַאמֶענְס] עֲשִׁירוּת'!

ווִידֶער [אוֹיךְ] אִיז דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ גֶעגַאנְגֶען, אִין [מִיט] אַ 'קַאפֶּעלִישׁ' [קַאפֶּעלְיטְשׁ; הִיט], וָואס סְ'אִיז אִין אִים גֶעוֶוען [אַרַיינְגֶעזֶעצְט] 'דוּמִיטְן' [דִימַאנְטְן שְׁטֵיינֶער]! – וָואס דֶער [דָאזִיגֶער] 'קַאפֶּעלִישׁ', אִיז אוֹיךְ וֶוערְט גֶעוֶוען 'ווִילְד־פִיל' [מְשׁוּנֶה'דִיג אַסַאךְ גֶעלְט]!

וִוי [נָאר] דִי 'שְׁלוּחִים' הָאבְּן דֶעם [דָאזִיגְן] מֶענְטְשׁ דֶערְזֶעהְן – זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶף אַנִידֶערְגֶעפַאלְן פַאר אִים בִּכְרִיעָה וְהִשְׁתַּחֲוָיָה (דְהַיְינוּ: זֵיי הָאבְּן זִיךְ [גֶעקְנִיט אוּן] גֶעבִּיקְט פַאר אִים זֵייעֶר פִיל)! – וָוארְן נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר 'נַארִישֶׁע דֵיעָה' [מֵיינוּנְג] נָאךְ, אִיז זִיךְ דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ [גֶעוֶוען] אַ 'גָאט אִיבֶּער אַלֶע [זֵייעֶרֶע] גָאטְן'! – וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ, אַזוֹי אַ [אַזַא] 'ווִילְד־גְרוֹיס עֲשִׁירוּת'! – (אוּן דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאגֶעגְנְט – דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער 'מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת' [אוֹיפְזֶעהֶער פוּן דִי אוֹצְרוֹת] פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק ו אוֹת א; פֶּרֶק ט אוֹת ב])!

הָאט דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט צוּ זֵיי: "אָט דָאס אִיז בַּיי אַייךְ אַ חִידוּשׁ?! – קוּמְט מִיט מִיר, וֶועל אִיךְ אַייךְ וַוייזְן 'עֲשִׁירוּת'"! – הָאט עֶר זֵיי גֶעפִירְט אוֹיף דֶעם 'בַּארְג', וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעסַדֶר'ט [מְסוּדָר, אוֹיסְגֶעלֵייגְט] דֶער 'אוֹצָר' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ'! – הָאט עֶר זֵיי גֶעוִויזְן דֶעם 'אוֹצָר'! – וִוי [נָאר] זֵיי הָאבְּן דֶערְזֶעהְן דֶעם 'אוֹצָר' – זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶף אַנִידֶערְגֶעפַאלְן [צוּם דָאזִיגְן מֶענְטְשׁ] בִּכְרִיעָה וְהִשְׁתַּחֲוָיָה [זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקְנִיט אוּן גֶעבִּיקְט פַאר אִים]! – וָוארְן 'דֶער [דָאזִיגֶער]' אִיז זִיךְ אַ 'גָאט אִיבֶּער אַלֶע גָאטְן' (נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר 'נַארִישֶׁע פַארְפִירְטֶע [פַארְבְּלָאנְדְזֶעטֶע] דֵיעָה' – וָואס בַּיי זֵיי אִיז דֶער 'עִיקָּר אֱמוּנָה' גֶעוֶוען, דָאס 'גֶעלְט' [אוּן דָאס 'עֲשִׁירוּת'], כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

נָאר קַיין 'קָרְבָּנוֹת', הָאבְּן זֵיי נִישְׁט מַקְרִיב גֶעוֶוען [דָארְט]! – וָוארְן נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר 'דֵיעָה' נָאךְ, אַז 'דֶער' אִיז אַזוֹי אַ [אַזַא] 'גָאט' [אִיבֶּער 'אַלֶע זֵייעֶרֶע גָאטְן'] וְכוּ' – וָואלְטְן זֵיי זִיךְ צוּ אִים בְּוַודַּאי מַקְרִיב גֶעוֶוען!

נָאר מְ'הָאט דִי 'שְׁלוּחִים' [גֶעהַאט] אָנְגֶעזָאגְט [וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס אוֹיפְן וֶועג]: "אַז אִין [אוֹיפְן] 'וֶועג', זָאלְן זֵיי קַיין 'קָרְבָּנוֹת' נִישְׁט מַקְרִיב זַיין"! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט: אַז [אוֹיבּ] זֵיי וֶועלְן אִין [אוֹיפְן] 'וֶועג', 'קָרְבָּנוֹת' מַקְרִיב זַיין – וֶועט פוּן זֵיי גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן!

וָוארְן טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער פוּן זֵיי גֶעפוּנֶען אַ 'אוֹצָר' אִין [אוֹיפְן] 'וֶועג'! – [אָדֶער] טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער גֵיין אִין 'בֵּית־הַכִּסֵא' אַרַיין, אוּן וֶועט דָארְט גֶעפוּנֶען אַ 'אוֹצָר'! – [אוּן דֶער 'אוֹצָר' אִיז דָאךְ בַּיי אִים אַ 'גָאט', וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – וֶועט עֶר זִיךְ וֶועלְן מַקְרִיב זַיין צוּ אִים [צוּם 'אוֹצָר']! – [בְּמֵילָא] וֶועט פוּן זֵיי קֵיינֶער נִישְׁט בְּלַייבְּן! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן דִי [מֶענְטְשְׁן פוּן דִי] 'מְדִינָה', אָנְגֶעזָאגְט [פַאר] דִי 'שְׁלוּחִים': "אַז אִין [אוֹיפְן] 'וֶועג', זָאלְן זֵיי קַיין 'קָרְבָּנוֹת' נִישְׁט מַקְרִיב זַיין"!

[אִיז דֶערִיבֶּער – הָאבְּן טַאקֶע דִי 'שְׁלוּחִים', נִישְׁט מַקְרִיב גֶעוֶוען קַיין 'קָרְבָּנוֹת', צוּם דָאזִיגְן אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן 'מְמוּנֶה' (עַל הָאוֹצְרוֹת)! – אָבֶּער דָאס אִיז גֶעוֶוען קְלָאר בַּיי זֵיי: "אַז עֶר אִיז זִיךְ אַ 'גָאט אִיבֶּער אַלֶע גָאטְן'"! – ווִיבַּאלְד עֶר הָאט אַזַא 'ווִילְד־גְרוֹיסְן עֲשִׁירוּת'!]

**[אוֹת ג]** הָאבְּן זִיךְ דִי [דָאזִיגֶע] 'שְׁלוּחִים' מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "נָאךְ וָואס [פַארְוָואס] זָאלְן זֵיי שׁוֹין גֵיין צוּ יֶענֶע 'גָאטְן'? – דְהַיְינוּ: צוּ דֶער 'מְדִינָה' וָואס מְ'הָאט זֵיי אַהִינְגֶעשִׁיקְט, וָואס דָארְט זֶענֶען זֵיי אַלֶע '[ווִילְד] גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים' – וָואס בַּיי זֵיי, זֶענֶען זֵיי [אַלֶע] 'גָאטְן'" [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אוֹת א]! – אַמֶער [עֶס אִיז דָאךְ אַסַאךְ] בֶּעסֶער [פַאר זֵיי – בַּיי] דֶער '[דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ' – [עֶר] וֶועט זִיךְ זֵיי [זִיכֶער] בֶּעסֶער קֶענֶען הֶעלְפְן! – וָוארְן [דֶער דָאזִיגֶער מֶענְטְשׁ], עֶר אִיז זִיךְ [דָאךְ] אַ '[גְרוֹיסֶער] גָאט' אִיבֶּער זֵיי אַלֶע [מֶענְטְשְׁן פוּן יֶענֶע 'מְדִינָה'] (נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר מְשׁוּגַע'נֶע דֵיעָה נָאךְ)! – וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] 'ווִילְד־גְרוֹיס עֲשִׁירוּת', מֶער פוּן זֵיי אַלֶע (כִּפְלֵי כִּפְלַיִים)!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי גֶעבֶּעטְן [פוּן] 'דֶעם [דָאזִיגְן] מֶענְטְשְׁן': "אַז עֶר זָאל מִיט זֵיי גֵיין, אִין 'זֵייעֶר מְדִינָה' אַרַיין"! – אִיז עֶר צוּ זֵיי מְרוּצֶה [בַּאווִילִיגְט] גֶעוָוארְן! – אוּן [עֶר] אִיז מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען! – אוּן [עֶר] אִיז גֶעקוּמֶען אִין 'זֵייעֶר מְדִינָה' אַרַיין!

**[אוֹת ד]** אִיז בַּיי 'דֶער [דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי] מְדִינָה' גֶעוֶוען, אַ 'גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה': "[אוֹיף דֶעם] וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקְרִיגְן אַזוֹי אַ [אַזַא] 'גָאט'"! – וָוארְן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְזִיכֶערְט: "אַז דוּרְךְ אִים, וֶועלְן זֵיי בְּוַודַּאי הָאבְּן אַ 'הִילְף'"! – וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ [דָאךְ] אַזוֹי אַ [אַזַא] 'גָאט' [לוֹיט זֵייעֶר מֵיינוּנְג]! – וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ [דָאךְ] אַזוֹי אַ [אַזַא] 'גְרוֹיס עֲשִׁירוּת'!

הָאט 'דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ' גֶעהֵייסְן (וָואס עֶר אִיז עֶס גֶעוֶוען דֶער 'מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – [וָואס דִי 'מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם דָאזִיגְן מְדִינָה', הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'גָאט']: "אַז אֵיידֶער [פַאר] סְ'וֶועט זַיין אַ רֶעכְט [רִיכְטִיגְן סֵדֶר] אִין דֶער 'מְדִינָה' – זָאל מֶען דֶערְוַוייל קַיין 'קָרְבָּנוֹת' [בִּכְלָל] נִישְׁט מַקְרִיב זַיין"!

(וָוארְן דֶער [דָאזִיגֶער] 'מְמוּנֶה', אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען אַ 'גְרוֹיסֶער צַדִּיק'! – וָוארְן עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי 'לַייט' פוּן דֶעם [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן] 'מֶלֶךְ', וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע 'גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים זֵייעֶר'! – הָאט דֶער 'מְמוּנֶה', בְּוַודַּאי זֵייעֶר פַיינְט גֶעהַאט, דִי '[אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע] נַארִישֶׁע מִנְהָגִים' פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] 'מְדִינָה'! – נָאר עֶר הָאט זֵיי [דֶערְוַוייל] נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְפִירְן פוּן זֵייעֶר 'שְׁלֶעכְטְן וֶועג'! – לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] דֶערְוַוייל הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: "אַז מְ'זָאל כָאטְשֶׁע קַיין 'קָרְבָּנוֹת' נִישְׁט מַקְרִיב זַיין")!

הָאט 'דִי' [הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי] מְדִינָה' אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן: מִכֹּחַ [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן] דֶעם 'גִּבּוֹר' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], וָואס זֵיי הָאבְּן פַאר [פוּן] אִים זֵייעֶר מוֹרָא, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – אוֹת א; פֶּרֶק ד אוֹת ב־ג]"! – אוּן דֶער 'מְמוּנֶה' הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוֹיבּ סֶע [סְ'אִיז] נִישְׁט דֶער [דָאזִיגֶער] 'גִּבּוֹר'"?! ([אַזוֹי־וִוי אֵיינֶער פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ: "אוֹיבּ דָאס אִיז נִישְׁט 'דֶער' דָאזִיגֶער] וָואס עֶר וֵוייסְט")?!

הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דֶער 'מְמוּנֶה', אוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּם 'גִּבּוֹר'! – אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן [פוּן] דִי 'לַייט' [מֶענְטְשְׁן] פוּן דֶעם 'גִּבּוֹר': "אוֹיבּ סְ'אִיז מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ זֶעהְן מִיט אִים"?! – הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "[אַז] זֵיי וֶועלְן מֶעלְדֶעוֶוען [אִים מוֹדִיעַ זַיין, אוּן אִים פְרֶעגְן]"! – הָאבְּן [זֶענֶען] זֵיי [גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן אִים] גֶעמֶעלְדֶעוֶועט [גֶעפְרֶעגְט]! – הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: "אִים אַרַיינְלָאזְן [גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת אַרַיינְצוּגֵיין]"!

**[אוֹת ה]** אִיז דֶער 'מְמוּנֶה' אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם 'גִּבּוֹר'! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ – אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע – דֶערְקֶענְט! – אִיז צְוִוישְׁן זֵיי גֶעוֶוען, [גְרוֹיסֶע] 'שִׂמְחוֹת' אוּן 'בְּכִיּוֹת', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק ט אוֹת א]! – (דְהַיְינוּ: זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען, [אוֹיף דֶעם] וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ גֶעפוּנֶען [צוּ טְרֶעפְן] אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן! – אוּן הָאבְּן ווִידֶער זֵייעֶר גֶעוֵויינְט: "וִוי נֶעמְט [ווִיאַזוֹי גֶעפוּנְט] מֶען נָאךְ דִי 'אִיבְּרִיגֶע לַייט' [פוּנֶעם 'מֶלֶךְ'], הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]")!

הָאט דֶער 'גִּבּוֹר' זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם 'מְמוּנֶה': "[זָאלְסְטוּ ווִיסְן, אַז:] אוּנְזֶער כָּשֵׁר'עֶר 'בַּעַל־תְּפִילָּה', אִיז אוֹיךְ דָא! – אוּן אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין [אוֹיךְ] גֶעזֶעהְן! – אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ 'מֶלֶךְ'"! – [אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְצֵיילְט אֵיינֶער פַארְן אַנְדֶערְן: "ווִיאַזוֹי זֵיי זֶענֶען אַהֶער אָנְגֶעקוּמֶען דָא"]!

הָאט דֶער 'מְמוּנֶה' דֶערְצֵיילְט [פַאר] דֶעם 'גִּבּוֹר': "אַז עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען] אִיבֶּער 'אַלֶע'! – דְהַיְינוּ: אִיבֶּער דֶעם 'אָרְט' פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ', מִיט [אוּן אוֹיךְ אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן] דִי '[אַלֶע] לַייט', הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – נָאר אִיבֶּער 'זֵיי בֵּיידֶע', אִיז עֶר נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען]! – דְהַיְינוּ: אִיבֶּער דֶעם 'אָרְט' פוּן דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָּה' מִיט דֶעם 'גִּבּוֹר', אִיז עֶר נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען]"!

**[אוֹת ו]** הָאט דֶער 'מְמוּנֶה' גֶעשְׁמוּעֶסְט [צוּזַאמֶען] מִיט דֶעם 'גִּבּוֹר': "מִכֹּחַ [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן] 'דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] מְדִינָה' – וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְנַארִישְׁט גֶעוָוארְן, אוּן זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוָוארְן, אִין דֶעם 'גֶעלְט' – בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין 'אַזוֹינֶע נַארִישְׁקֵייט'"!

הָאט דֶער 'גִּבּוֹר' גֶעעֶנְטְפֶערְט [פַאר] דֶעם 'מְמוּנֶה', דָאס [דֶעם זֶעלְבְּן 'עֶנְטְפֶער'] וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט [פַאר] דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָּה' [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק ט אוֹת ד]: "אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ': אַז וֶוער סְ'פַאלְט אַרַיין [אִיז גֶעוָוארְן אַיינְגֶעזִינְקֶען] אִין דֶער [דָאזִיגֶער] 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט' – קֶען מֶען אִים בְּשׁוּם־אוֹפֶן נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶערְפוּן [סְ'אִיז אִים בְּשׁוּם־אוֹפֶן נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּרִיקְצוּקֶערְן אוּן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דָארְט]! – נָאר דוּרְךְ דֶעם 'וֶועג' וְכוּ' [וָואס סְ'פַארְהַאנֶען צוּם 'שְׁוֶוערְד' – וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט דֶער 'גִּבּוֹר' דִי כֹּחַ פוּן זַיין 'גְּבוּרָה'], כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט – פֶּרֶק ו אוֹת ד – [דוּרְךְ 'דֶעם וֶועג', קֶען מֶען זֵיי יָא אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶערְפוּן"]!

הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער 'מַרְחִיב זְמַן' גֶעוֶוען [צוּגֶעגֶעבְּן נָאךְ צַייט]! – דְהַיְינוּ: [אַז] דֶער 'מְמוּנֶה' הָאט גֶעפוּעֶלְט בַּיים 'גִּבּוֹר': "אַז עֶר זָאל [פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן] 'דֶער מְדִינָה', נָאךְ גֶעבְּן [צוּגֶעבְּן] אַ צַייט וַוייטֶער [אַ שְׁפֶּעטֶערֶע צַייט וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל, אוֹיבְּן פֶּרֶק ט אוֹת ד]"! – הָאט זֵיי דֶער 'גִּבּוֹר': "גֶעגֶעבְּן [צוּגֶעגֶעבְּן], נָאךְ אַ צַייט [עֶר הָאט זֵיי פַארְלֶענְגֶערְט דִי צַייט]"!

דֶערְנָאךְ, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעמַאכְט 'סִימָנִים' צְוִוישְׁן זִיךְ – דֶער 'מְמוּנֶה' מִיט דֶעם 'גִּבּוֹר' [זֵיי זָאלְן ווִיסְן אֵיינֶער פוּנֶעם אַנְדֶערְן]!